# לעורר זכות הצדיקים



כולל למצוינים
**ויואל משה**
**דסאטמאר**
ירושלים תובב"א

## סליחות געלט קאמפיין

**קורצע שטריכן איבער דעם סדר פון די געהויבענע נסיעה דורך**
חכמי ורבני כולל למצוינים ויואל משה

## צו די מקומות הקדושים אין ארה"ק

אין טאג פון ו' תשרי י"ג מדות מוקדם הבעל"ט

### הכנה צו די נסיעה

במשך פון חודש אלול איז די הנהלת הכולל בארה"ב שטארק אקטיוו, צו ערוועקן דעם ציבור זיך אנצושליסן אין לעורר זכות הצדיקים קאמפיין, צו לאזן שרייבן קוויטלעך וואס וועלן געליינט ווערן אויף די מקומות הקדושים, פארן מינימאלן אפצאל פון $36.

געציילטע טעג פאר די נסיעה אום שלש עשרה מדות, ווערן די טויזנטער קוויטלעך אריבערגעשיקט, צום אפיס פונעם כולל אין ארה"ק, וואו די הנהלת הכולל איז זיי מסדר. די הנהלה פארטיילט די קוויטלעך פאר די חברי הכולל, צענדליגער קוויטלעך פאר יעדן חבר הכולל, וואס ער וועט דארפן אויפליינען ביי די מקומות הקדושים, און עס דערנאך דארט איבערלאזן.

### שלש עשרה מדות

דער טאג פון שלש עשרה מדות איז ווי באקאנט געווען גאר א געהויבענער זמן בבית רבוה"ק לבית סיגעט סאטמאר זי"ע. - עס איז א צייט פון הכנה דרבה צום הייליגן טאג יום הכיפורים הממשמש ובא. אין דעם טאג איז דער מנהג צו אויסזאגן גאנץ תהלים, זאגן וידוי הגדול לרבינו נסים, לייענען די קרבנות, און גיין צו תשליך.

אין ארה"ק זענען א טייל סאטמארער חסידים מוסיף קדושה על קדושה, ווען זיי באשטימען דעם דאזיגן טאג צו פוקד זיין קברי הצדיקים: די מקומות הקדושים אין מירון צפת טברי' און ארום. - במשך פונעם טאג זענען זיי מתפלל און מעורר רחמים דורך זאגן תהלים און זיך משתטח זיין אויף די ציוני קודש, און במשך פונעם טאג, צווישן איין ציון און אנדערן, לייענט מען אויך קרבנות און מען גייט צו תשליך.

### מירון

דעם דאזיגן סדר היום פון י"ג מדות האבן די חברי הכולל זיך אויך איינגעפירט, אויסנוצנדיג דעם געהויבענעם זמן, לעורר זכות הצדיקים פאר די תומכי הכולל איבעראל.

דער סדר היום הויבט זיך אן אין די פארטאגס שעה'ן פון י"ג מדות, ווען דער ציבור חברי הכולל קומט זיך צוזאם צו אמירת סליחות לי"ג מדות, אין בית המדרש פונעם כולל אין ירושלים עיה"ק. די סליחות ווערט געזאגט מיט גרויס התעוררות, כנהוג בתפוצות ישראל, ווען ביים זאגן דעם פיוט שלש עשרה מדות ערהויבט זיך א קול זעקה ותחינה: יהי רצון מלפניך שומע קול בכיות, שתשים דמעותינו בנאדך להיות, ותצילנו מכל גזרות קשות אכזריות... אא"וו.

נאך דעם התעוררות'דיגן סליחות לאזט מען זיך אין וועג אריין, צום ערשט ארויף צו גליל העליון - וואו עס געפינט זיך דער דארף מירון, צום ציון התנא הק' רבן שמעון בן יוחאי.

אנקומענדיג קיין מירון, שטעלט זיך דער ציבור באלד דאווענען שחרית, אין מערת התנא רשב"י. דאס דאווענען ווערט געפראוועט מיט מתינות און כוונה, ווי עס פאסט זיך פאר אזא גרויסן טאג און פאר אזא מקום קדוש. נאכן דאווענען הויבט מען אן מיטן זאגן תהלים, ווען מען זאגט אויס דעם ספר ראשון פון תהלים, ביים ציון פון הייליגן תנא רבן שמעון בן יוחאי.

ווער עס איז אמאל געווען ביים קבר התנא רשב"י זי"ע ווייסט פונעם סוד, אז די התעוררות דארט איז ספעציעל גרויס. עס איז א געוויסער באהאלטענער כח, עפעס מיסטעריעז און אומפארשטענדליך, וואס ערוועקט יעדן איינעם פון די מתפללים. - נישט אומזיסט איז דער מקום אויסגעקליבן געווארן דורך אלע משתטחים אויף די מקומות הקדושים, אלס די ערשטע סטאנציע וואו מען הויבט אן דעם טאג.

נאכן זאגן תהלים נעמען די חברי הכולל יעדער איינער זיין ליסטע פון קוויטלעך, און לייענען אויף די נעמען פון אלע תומכי הכולל, זייערע משפחות, בניהם ובנותיהם, יעדער אזוי ווי ער האט זיך פארשריבן דעם קוויטל, להפקד בדבר ישועה ורחמים, אין זכות פון אדונינו בר יוחאי. מיט א דערלייכטערונג אויפן געמיט, זייענדיג בטוח אין כוחו וזכותו של אותו זקן - ווי די באקאנטע מליצה, כדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו בשעת הדחק, גייט דער ציבור ארויס פון מערת התנא רשב"י, צום דערנעבנדיגן היכל אויפן ציון פון בנו התנא רבי אלעזר ברבי שמעון. דארט איז מען ממשיך מיט זאגן תהילים און אויפליינען קוויטלעך.

דערנאך גייט מען ארויס צום הויף פון די ציוני קודש, וואו עטליכע טרעפ ארויף, און דערנאך נאך געציילטע טריט, פירן צום ציון התנא הק' רבי יוחנן הסנדלר. דארט זעצט מען פאר מיטן עבודת הקודש פון זיך משתטח זיין אויפן ציון, און באלד דערנאך זעצט מען זיך צוריק ארויף אויפן באס, אויפן וועג קיין צפת.

### צפת

אויף געדרייטע וועגן שלענגלט זיך דער באס ביז מען קומט אן קיין צפת, וואו מען פארט באלד צו צום אלטן בית החיים. דער בית החיים געפינט זיך אויפן אראפגאנג פון א הויכן בארג, און אינמיטן פונעם בארג געפינט זיך א מעין מקוה, וואו עס איז מקובל אז דער אר"י הק' האט זיך טובל געווען. דער גאנצער ציבור גייט אריין כאפן א טבילה אין די אייז קאלטע וואסער פון מקוה האר"י, און דערנאך גייט מען זיך משתטח זיין אויף די

←

## איר קענט זיך אנשליסן אין דעם קאמפיין אויף איינס פון די דריי אופנים:

שטעלט אויס א טשעק פון $36, און שיקט עס אריין באגלייט מיט אייער קוויטל, צום פאלגנדן אדרעסס:

**73 DIVISION AVE., BROOKLYN, NY 11211**

פעקסט אייער אדרעס אדער קרעדיט קארד אינפארמאציע, באגלייט מיט אייער קוויטל, אויפן פאקס נומער:

**718-384-1830**

ירושלימ'ער כולל
מצוינים
**ויואל משה**
ד'סאטמאר
בעיה"ק ירושלים תובב"א
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# לעורר זכות הצדיקים

**וואס איז איר באדייט?**

ווען עס דערנענטערן זיך די ימים נוראים הבעל"ט - א צייט וואס יעדער זוכט זיך איינצוהאנדלען זכותים, איז פאסיג צו פראקלאמירן דעם לעורר זכות הצדיקים קאמפיין, וואס כשמו כן הוא, געווידמעט צו ערוועקן דעם זכות פון צדיקים וקדושים אשר בארץ המה.

דער לעורר זכות הצדיקים קאמפיין טראגט מיט זיך א צווייפאכיגן באדייט, פון התעוררות זכות הצדיקים: א) דורך שטיצן דעם כולל ויואל משה בעיה"ק ירושלים תובב"א, וועלכע פירט זיך אויפן דרך המסורה לנו פון די צדיקים, רבוה"ק לבית סאטמאר זי"ע. ב) דורך שיקן שלוחים אין די ימי הרחמים והרצון הבעל"ט, זיך משתטח זיין אויף קברי צדיקים אין ארה"ק.

כולל למצוינים ויואל משה בעיה"ק ירושלים תובב"א, איז א מבצר התורה וועלכע פארשיינט די שטאט ירושלים מיט איר תורה און קדושה, האלטנדיג זיך פעסט אויפן דרך פון די צדיקים, מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, וממשיך דרכו מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, וועלכע האבן געפאדערט לימוד התורה על טהרת הקודש, אפגעזונדערט פון די רשעים. - דאס שטיצן אזא כולל איז האפנטליך מעורר דעם זכות פון די צדיקים.

די חברי הכולל פון כולל למצוינים וועלן אין טאג פון שלש עשרה מדות הבעל"ט זיך משתטח זיין אויף מקום מנוחת הצדיקים הקדושים, אין מירון צפת טברי' און נאך, וואו זיי וועלן מתפלל זיין און פארלייענען קוויטלעך, פאר די שטיצער פונעם כולל. - ווי דער לשון הרמ"א (סי' תקפ"א ס"ד) ויש מקומות נוהגין לילך על הקברות ולהרבות שם בתחנות, און דער מג"א איז מפרש (סקט"ז) ולהשתטח על קברי הצדיקים.

מיטן קאמפיין לעורר זכות הצדיקים שענקט דער כולל א געלעגנהייט פארן ברייטן ציבור תומכי תורה, צו געניסן פונעם דאפלטן התעוררות זכות הצדיקים, פאר די מינימאלע סומע פון $36.

## געדענקט! אזא געלעגנהייט איז לאו בכל יומא מתרחיש, עס לוינט נישט צו פארפאסן!

אין זכות פון די צדיקים הקודמים זי"ע זאלט איר זוכה זיין צו געהאלפן ווערן מיט ישועות ורפואות וכל מילי דמיטב, א כתיבה וחתימה טובה און גוט געבענטשט יאר

הייליגע קברים.

אויפן דאזיגן בית החיים געפינט זיך מקום מנוחתם פון די צדיקים וקדושים וועלכע האבן פארלויכטן פאר כלל ישראל, די קדושי עליון וואס בלויז דערמאנען זייער נאמען ערוועקט א ציטער: דער אר"י הק', דער הייליגער רמ"ק, דער הייליגער בית יוסף, דער אלשיך הק', דער הייליגער בעל לכה דודי. אויך ליגן דארט די שפעטערדיגע צדיקים וקדושים: דער הייליגער באר מים חיים, דער ערבי נחל, רבי עמרם חסידא, דער טאלטשובער רב מחבר ספר תולדות אדם (זיידע פון מרנן רבוה"ק לבית סאטמאר), און נאך. אונטן פונעם בארג געפינט זיך דער ציון פונעם הייליגן תנא רבי פנחס בן יאיר. - אט אזא הייליגער בית החיים איז דער אלטער בית עלמין פון צפת.

ביי די אלע ציוני קודש שטעלט זיך אוועק דער גאנצער עולם בצוותא חדא זאגן תהלים, און אויסבעטן רפואות און ישועות, פאר די נדיבי עם וועלכע שטיצן דעם כולל.

**עמוקה**

פון דארט פארט מען ווייטער קיין עמוקה, וועלכע געפינט זיך אין גאר א נידריגן טאל, וואו עס געפינט זיך דער ציון התנא הק' רבי יונתן בן עוזיאל. - ווי באקאנט, איז דער מקום קדוש מסוגל אויף פארשידענע ישועות, ספעציעל אויף זיווגים הגונים. דארט זעצט מען פאר מיטן זאגן תהלים, אויפן סדר וואו מען האלט, און מען איז דערביי מזכיר די תומכי הכולל.

פון דארט פארט מען ווייטער זיך משתטח זיין אויף הייליגע קברים, אין פארשידענע ערטער אין יענעם ראיאן - געוואנדן לויט וויפיל די צייט ערלויבט, וואו מען איז ממשיך מיטן זאגן תהלים.

**טברי'**

פון דארט פארט מען ווייטער אין וועג, אויפן וועג אראפ פון די בערג - פון גליל העליון צו גליל התחתון, וואו עס געפינט זיך די שטאט טברי'. דארט פארט מען ערשט צו צום קבר התנא הק' רבי מאיר בעל הנס.

די השתטחות אויפן ציון פון רבי מאיר בעל הנס, טראגט פאר די דאזיגע גרופע א באזונדערע באדייט:

דער ציבור חברי הכולל, פון כולל למצוינים ויואל משה, וועלכע ווערט באגלייט מיטן זכות פון **צדקת רבי מאיר בעל הנס**, זענען מתפלל פאר די תומכי הכולל, וואס זענען ראוי געהאלפן צו ווערן דורך די סגולה נפלאה פון **צדקת רבי מאיר בעל הנס**, און קומען טאקע זיך משתטח זיין ביים ציון המצוינת פון **רבי מאיר בעל הנס**, וואס איז ווי באוואוסט **ספעציעל מסוגל צו פועל'ן ישועות פאר די שטיצער פון צדקת רבי מאיר בעל הנס.**

נאכן זאגן תהלים און לייענען קוויטלעך ביים ציון הק', גייט מען ארויף אין ביהמ"ד - וואס איז געבויט העכער דעם ציון, און מען איז דארט ממשיך בעבודת היום, צו לייענען דעם סדר הקרבנות, כמנהג מרנן רבותינו הק' זי"ע.

פון דארט פארט מען צו צום ים כנרת, וואו דער גאנצער ציבור זאגט אינאיינעם תשליך.

פון דארט גייט מען צו צום דערנעבנדיגן אלטן בית החיים פון טברי', וואו עס ליגן באהאלטן פילע תלמידי הבעש"ט הק' זי"ע, ובתוכם: הרה"ק רבי מענדעלע וויטעבסקער זי"ע, הרה"ק רבי נחמן הוראדענקער זי"ע, און נאך קדושים וטהורים. דער גאנצער ציבור זאגט דארט ווייטער תהלים, צו מעורר זיין דעם זכות פון הני צדיקי תקיפי קדמאי.

דארט זעצט מען זיך צוריק ארויף אויפן באס, און מען פארט צו צום ציון התנא הק' רבי עקיבא. אנקומענדיג צום ציון פון רבי עקיבא איז שוין געווענליך פארנאכט, דעריבער באלד נאכן זאגן עטליכע קאפיטלעך תהלים דאווענט מען מנחה.

שטייענדיג אין אזא טאג ווי שלש עשרה מדות, נאך אזא געהויבענעם סדר היום פון השתטחות על ציוני קודש, און אויף אזא הייליגן מקום ווי דער ציון פון התנא הק' רבי עקיבא, ווערט ווי נאטורליך ביי אלעמען ערוועקט א געוואלדיגע התעוררות. תפלת המנחה ווערט געפראוועט מיט א באזונדערע השתפכות הנפש, אויסגיסנדיג זיך דאס הארץ פארן שומע תפלת כל פה. די התעוררות גרייכט א קלימאקס, ביים זאגן שטיקל ביי שטיקל, די תפילה פון אבינו מלכנו.

די קולות פון די מתפללים שפאלטן הימלען: אבינו מלכנו שלח רפואה שלימה לחולי עמך... פתח שערי שמים לתפלתנו... כתבנו בספר חיים טובים... הצמח לנו ישועה בקרוב... - די לופט און אטמאספערע ארום שפירט זיך ווי ביי תפלת נעילה אום יום הקדוש.

נאך מנחה לאזט מען זיך ארויס אין א פרייליכע רקידה: אמר רבי עקיבא, אשריכם ישראל... דער עולם טאנצט מיט אן אינערליכע שמחה, שפירנדיג א געפיל פון בטחון אין זכות פון די הייליגע תפלות אויף די ציוני קודש, האט מען זיכער אויסגע'פועל'ט אלעס גוטס, פאר זיך, פאר די תומכי הכולל, און פאר גאנץ כלל ישראל.

דאן, האלטנדיג שוין נאכן זמן, דאווענט מען מעריב, און מען זעצט זיך צוריק ארויף אויפן באס, אויפן פרייליכן וועג אהיים קיין ירושלים עיה"ק.

**על כן אהובים ידידים, שליסט אייך אן אין לעורר זכות הצדיקים קאמפיין, און זייט זוכה צו געניסן פון די פילע פעקלעך ישועות און רפואות, וואס די חברי הכולל נעמען אהיים פון אזא געהויבענע נסיעה.**

ירושלים'ער כולל
מצוינים
ויואל משה
ד'סאטמאר
בעיה"ק ירושלים תובב"א
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אדער רופט אריין אין אונזער אפיס:

**718-384-1830**